# וכל מאמינים

א וועכנטליכע בלעטל ארויס געגעבן דורך בני אמונים

פרשת מסעי תשפ"ב שנה ט | גליון מס' 443



בני אמונים – מתחזקים בעניית אמן

לע"נ הרה"ח ר' חיים בן ציון בהרה"ח ר' אהרן צבי מרמורשטיין זצ"ל נפטר י"ג אלול תשס"ג

ת.ד 102 בני ברק

פקס : 03-5055919

9139191@gmail.com


## פניני אמונים

פערל ווערטער אויף תפילה אין די פרשה

### צווישן 'מקהלות' און 'מקהלות'

"וַיִּסְעוּ מֵחֲרָדָה וַיַּחֲנוּ בְּמַקְהֵלֹת" (לג כה)

דער **בעל הטורים** ברענגט אז אויסער דער פסוק, איז פארהאן נאר נאך איין פסוק אין תנ"ך וואו דארט שטייט דיווארט "במקהלות"; "בְּמַקְהֵלוֹת בָּרְכוּ אֱלֹקִים" (תהלים סח כז).

די קשר צווישן די צוויי פסוקים טייטש דער בעל **'שבט מוסר'**:

אין שולחן ערוך (או"ח קצג א) איז גע'פסק'נט אז א גרופע מענטשן וואס עסן צוזאמען, מעגן זיי זיך נישט אפטיילן און יעדער וועט אליינ'ס בענטשן ברכת המזון אן קיין זימון, ווייל זיי זענען מחויב געווארן אין די מצוה פון בענטשן בזימון צוזאמען. און מען קען זאגן אז אויף דעם זענען מרמז די אויבנדערמאנטע פסוקים: "וַיַּחֲנוּ בְּמַקְהֵלֹת" - די וואס זעצן זיך צוזאם צו עסן, "בְּמַקְהֵלוֹת בָּרְכוּ אֱלֹקִים" - דארפן בענטשן במקהלות.

אויף נאך א אופן טייטש **רבי ישראל ברוידא** דער מיהלאוויצער דיין:

"וַיַּחֲנוּ בְּמַקְהֵלֹת" - דער חוב פון דאווענען מיטן ציבור אין שול, איז געוואנדן אין דעם אז מען איז מקיים: "בְּמַקְהֵלוֹת בָּרְכוּ אֱלֹקִים". דער וואס געבט נישט אכט אויף כבוד בית הכנסת, און קומט דארט נאר כדי צו פארברענגען און שמועסן דברים בטלים - ענדערשט זאל ער בלייבן אין זיין הויז.

חוט של חסד'; 'אשי ישראל'

### א ברכה אויף ישוב ארץ ישראל

"וְהוֹרַשְׁתֶּם אֶת הָאָרֶץ וִישַׁבְתֶּם בָּהּ כִּי לָכֶם נָתַתִּי אֶת הָאָרֶץ לָרֶשֶׁת אֹתָהּ" (לג נג)

עס איז ידוע אז דער **רמב"ם** רעכנט נישט די מצוה פון ישוב ארץ ישראל אין די צאל פון די תרי"ג מצוות, אבער דער **רמב"ן** קריגט אויף אים און שרייבט אז מען דארף עס יא רעכענען אין די צאל פון די מצוות, ווייל מיר זענען אויף דעם באפוילן געווארן אין די פסוק וואס איז פאר אונז: "וְהוֹרַשְׁתֶּם אֶת הָאָרֶץ וִישַׁבְתֶּם בָּהּ" (השגות הרמב"ן על ספר המצוות לרמב"ם, שכחת העשין מצוה רביעית).

לויט די שיטת הרמב"ן דארף מען פארשטיין, פארוואס האט מען נישט מתקן געווען זאגן א ברכה אויף ישוב ארץ ישראל אזוי ווי מען האט מתקן געווען צו זאגן א ברכה אויף אנדערע מצוות?

ערקלערט דער בעל **'דרך אמונה'** לויט וואס דער 'אור זרוע' (ח"א סי' קמ) זאגט אז די חוב פון זאגן ברכת המצוות איז נאר ביי א מצוה וואס איז באגרעניצט אין א געוויסער צייט, אבער א מצוה וואס איז א 'שטענדיגע מצוה' זאגט מען נישט א ברכה אויף דעם. דעריבער זאגט מען נישט א ברכה אויף די מצוה פון ישוב ארץ ישראל, ווייל דאס איז דאך א שטענדיגע מצוה.

אויף נאך א אופן האט ערקלערט בעל **'משנת יוסף'**, דער רשב"א (שו"ת, ח"א סי' יח) זאגט אז יעדע מצוה וואס מען איז נישט מקיים מיט א מעשה זאגט מען נישט דערויף א ברכה. לויט דעם, ווייל די וואס ווערן געבוירן אין ארץ ישראל זענען מקיים אגאנץ לעבן די מצוה פון ישוב אר"י אן זיי זאלן טון עפעס צו דעם, דעריבער האבן די חכמים נישט מתקן געווען א ברכה אויף דעם. כאטש אז לויט דעם, די וואס קומען ארויף דאס ערשטע מאל וואוינען קיין אר"י וואלטן געדארפט זאגן א ברכה, פון דעסוועגן האבן די חכמים נישט געמאכט א אונטערשייד צווישן מענטשן, און האבן אינגאנצן נישט מתקן געווען א ברכה אויף די מצוה.

'אבני חן' ח"ב פרק ס; שו"ת 'משנת יוסף' ח"ט סי' כ אות ה

### א קליינע טריט – א געוואלדיגע השפעה

"וְאִם יָצֹא יֵצֵא הָרֹצֵחַ אֶת גְּבוּל עִיר מִקְלָטוֹ אֲשֶׁר יָנוּס שָׁמָּה; וּמָצָא אֹתוֹ גֹּאֵל הַדָּם מִחוּץ לִגְבוּל עִיר מִקְלָטוֹ וְרָצַח גֹּאֵל הַדָּם אֶת הָרֹצֵחַ אֵין לוֹ דָּם" (לה כד)

די חכמים זאגן (פסיקתא זוטרתא מסעי קמב ב): אויב דער רוצח בשוגג איז ארויס פון זיין עיר מקלט, אפילו נאר איין טריט, מעג אים דער 'גואל הדם' הרג'ענען. און פון דא לערנט מען די מעלה פון גיין אפילו איין טריט וועגן א מצוה; "אויב ביי א שטראף טרעפן מיר אז דער וואס גייט איין טריט שטעלט איין זיין לעבן אין געפאר, קל וחומר דער וואס גייט אויף א דבר מצוה איז זוכה פאר אים און זיינע דורות".

דער **'חידושי הרי"מ'** האט אויפגעמערקט אז פון די חז"ל קען מען לערנען אז דער וואס שטייט אויף פרי און קומט אין בית המדרש לערנען און דאווענען, "קען אין יעדע טריט אסאך אויפטון".

'ליקוטי הרי"מ'

## פתחו שערים

### די ווארט פונעם גרינדער און נשיא פון 'בני אמונים'

### אפילו הונדערט מאל!!!

דעם קומענדיגן דינסטאג הבעל"ט, ה' אב, געפאלט אויס די פיר הונדערט און פופציג'סטע יארצייט פון די הסתלקות פון דער האר"י הקדוש!

זיינע הימלישע אנטפלעקונגען און חכמת הקבלה אזוי ווי עס איז איבערגעגעבן געווארן דורך זיין גרויסן תלמיד רבי חיים וויטאל, איז אנגענומען מיט גרויס ציטער און פארכט ביי שלומי אמוני ישראל, און זיין תורה און הנהגות ווערן אסאך געברענגט אין די פוסקים.

אן זיך צו איינרעדן, חלילה, אז מיר פארשטיין עפעס אפילו אין די שפיצן פון זיין וועג, קען איך אבער זאגן אז די אלע אקטיוויטעטן וואס מיר האבן זוכה צו גרינדן אין די ראם פון 'בני אמונים' זענען באזירט אויף די שטענדיגע מנהג פון דער אריז"ל צו ענטפערן אמן אויף די ברכות השחר, און ווי זיין תלמיד רבי חיים וויטאל זאגט עדות (פרי עץ חיים שער הברכות פרק ד): **"און ווען ער איז געווען אין שול און איינער האט געזאגט ברכות השחר, פלעגט ער צוהערן און ענטפערן אמן, און אויך אויב ער האט געהאלטן אינמיטן דאווענען האט ער זיך אפגעשטעלט און געשוויגן און געענטפערט אמן, און אויך ווען אסאך האבן געזאגט ברכות"!**

דער מקובל רבי מאיר פאפירש, פון די גורי האריז"ל האט זיך שטערקער אויסדרוקט: **"אפילו אויב הונדערט מענטשן! האבן געזאגט ברכות האט ער געענטפערט נאך זיי אמן"** ('אור צדיקים' ו ב, וכן העתיק ב'שערי תשובה' או"ח ו ה).

א פשוטער חשבון ווייזט אז די דאזיגע עבודת הקודש, האט געדויערט אסאך צייט יעדן טאג, איבערהויפט אז פון די ווערטער פון 'פרי עץ חיים' זעט אויס אז די מתפללים האבן פאר אים אויך געזאגט ברכות התורה. פון דעם דארפן מיר זיך לערנען, ווי וויכטיג און טייער דאס איז, באזונדער אז די ווערטער זענען ציטירט געווארן דורך די פוסקים. עס איז נישט קיין ספק, אין ליכט פון די ווערטער, ליגט אויף אונז דער חוב זיך אנשטרענגען זיך צו פירן מיט אט די וואונדערליכע הנהגה. און טאקע אזוי שרייב דער מהר"ם פאפירש זעלבסט (אור הישר עמוד העבודה ז, יא): "דער וואס הערט ברכות השחר דארף ענטפערן אמן, אפילו ער האט זיי געהערט הונדערט מאל".

אויך דער הייליגער 'בית יוסף', א מחותן פון אר"י הקדוש, וואס האט געלעבט און פארארבעט צוזאמען מיט אים אין יענע יארן אין די הייליגע שטאט צפת דערמאנט אין שולחן ערוך (או"ח ו, ד) די הנהגה פון הערן ברכות השחר פון אלע מתפללים אין שול.

איך וועל צולייגן און זאגן וואס איז מיר ארויפגעקומען אויפן געדאנק אז די הנהגה פון האר"י הק' איז מרומז אין די ווארט 'אמן', ווייל אמן איז ראשי תיבות: "א'פילו מ'אה נ'ענה".

זיין הנהגה זאל באלייכטן אונזער וועג. מיר זאלן גיין אין זיינע וועגן און מקפיד זיין ענטפערן אמן אויף די ברכות השחר פון אנדערע, און ער וועט זיכער מליץ טוב זיין פאר אונז, לטוב לנו כל הימים.

**מיט א רוף "אפילו מאה נענה"**

**און א גוט שבת**

יעקב דוב מארמארשטיין

# די כח התפילה פון "אבות על בנים"

די אויסנאם ערציילונג וואס איז פאר אייך וואס אנטפלעקט א טפח פון דעם גרויסן כח התפילה פון 'אבות על בנים', און די סגולה פון ברכות התורה, האט דערציילט הגה"צ רבי אלימלך בידערמאן שליט"א, וואס האט עס געהערט פון א גרויסן מחנך, א מנהל אין איינע פון די גרויסע תלמוד תורה'ס אין ניו יארק וואס האט אזוי דערציילט:

אין דער תלמוד תורה, וואס איז אונטער מיין אויפזוכט, לערנען אין די זעלבע קלאס צווילינג-ברידער, זייער אויסערליכן אויסזען איז דאס זעלבע, אבער אינגאנצן אנדערש איז זייער אויפפירונג; דער ערשטער, לאמיר אים א נאמען געבן 'פרץ', איז געווען אן אמת'ער 'וואונדער יונגל', מיט געלונגענע טאלאנטן, באליבט ביי אלע זיינע חברים און פול מיט שמחת החיים, געהאט חשק צו לערנען און האט זיך געפלייסיגט מיט גרויס התמדה, א קלארע פארשטאנד, און אפילו צוגעלייגט אויף זיינע באשטימטע לימודים, אין מיט סיעתא דשמיא האט ער מצליח געווען אין אלעם און געשטיגן העכער און העכער אין תורה און יראת שמים.

דער פרץ איז א 'בלום', א קינד וואס יעדער מחנך שטאלצירט זיך מיט אזא קינד, א קינד וואס שטעלט צופרידן זיינע עלטערן און זיידעס מיט א האפן נחת.



ווי ווייטאגליך איז ווען מען דארף אויסדרייען די בליק צו זיין צווילינג ברודער וואס צוליב די געשיכטע וועט מען אים אנרופן 'זרח'. דער זרח איז אינגאנצן פארקערט פון פרץ; זרח ווערט פאררעכנט פאר א שוואך קינד כמעט אין יעדן געביט, זיינע שוואכע טאלאנטן ערלויבן נישט זיין מח זאל אויפכאפן אפילו די גרינגסטע זאכן, דערפאר איז נישט קיין וואונדער אז ער האט אינגאנצן נישט קיין חשק צו לערנען, ביי יעדע געלעגנהייט פרובירט ער זיך ארויסדרייען פון צו דארפן לערנען.

אויך ווען ער פרובירט נאכמאכן זיין ברודער און זיך זעצן לערנען, זייער שנעל הייבט ער זיינע הענט פון פארצווייפלונג. פשוט און פראסט 'עס גייט אים נישט'. זיינע עלטערן און מלמדים שטייען פארלוירן, זיי האבן פרובירט יעדע מעגליכע זאך וואס קען אים העלפן, אבער זייער הארץ איז צובראכן צו זען ווי נאכאמאל און נאכאמאל פאלט ער אדורך. די מציאות איז שווער צו פארדייען, איבערהויפט אז אין זייט שטייט פרץ דער צווילינג ברודער וואס שטייגט און שטייגט יעדן טאג, שריט נאך שריט.

אויך איך, אלס מנהל פון ת"ת וועלכער באגלייט די צוויי ברידער א לאנגע צייט, בין איך געווען פארלוירן אנטקעגן דעם טרויערדיגן מציאות; פון איין זייט איז מיין הארץ פול מיט פרייד און גרויס צופרידנהייט זעהנדיג ווי פרץ שטייגט א גאנצע צייט, און פון די צווייטע זייט האב איך געפילט צער און אנטוישונג צוזעהנדיג אז וויפיל מיר האבן פרובירט צו העלפן זרח'ן - האבן מיר נישט מצליח געווען.

די דאזיגע פאקט, וואס איז שוין פארפעסטיגט געווארן אין די הערצער פון אונז אלע, האט זיך געביטן, 'ווי אין די מעשיות ביכלעך', אין איין מאמענט. אין א העלן טאג האט זרח פלוצים אנגעהויבן בליען און שטייגן, לערנען מיט א וואונדערליכן חשק און אפילו פארשטיין. פלוצלינג האט ער אנגעהויבן צוהערן צו די שיעורים, איבער'חזר'ן, זיך פארהערן און צוקומען צו °אונדערליכע רעזולטאטן, ווי ער וואלט געבוירן געווארן מיט גלענצנדיגע טאלאנטן. זיין דאווענען און יראת שמים האט זיך אויך פארבעסערט אויף א וואונדערליכן אופן. פשוט און פראסט 'א טויש' ... ווי עס וואלט געקומען צו פליעהן א נייער זרח אין אונזער וועלט...

די ערשיינונג איז געווארן די געשפרעך פון די טאג צווישן די מלמדים און חברים. עס איז געווען אן אומבאקאנטע רעטעניש וואס קיינער האט נישט געוואוסט וויאזוי צו לייזן; ווי אזוי האט פאסירט די ענדערונג?

מיט עטליכע טעג שפעטער, ווען איך האב זיך באגעגנט מיט זיין טאטן, איז מיר שווער געווען צו באהאלטן מיין וואונדער: "האסט אין אכט געלייגט די וואונדערליכע ענדערונג וואס האט פאסירט מיט זרח?" - האב איך אים געפרעגט. "צי ווייסט איר אז די מלמדים און תלמידים זענען אלע דערשטוינט פון דעם טויש וואס איז פארגעקומען אין אים, דאס איז אן ערשטמאליגע פאקט וואס אין די צענדליגער יארן וואס איך בין אין פעלד פון חינוך האב איך קיינמאל נישט באגעגנט, קענסט מיר ערקלערן? וויאזוי איז געשען דער נס?"

אין אנהויב האט דער פאטער פרובירט זיך אויסמיידן פון ענטפערן אויף דער פראגע, אבער ענדליך שעמעוודיג און צוריקגעצויגן האט ער מסכים געווען דערציילן זיין ערקלערונג:

"דאס איז געווען מיט עטליכע חדשים צוריק", האט דער פאטער דערציילט, "אין א שפעטע נאכט שטונדע בין איך אריין אין קינדער-צימער און צוגעקוקט ווי די צווילינג-קינדער שלאפן אין זייערע בעטן, כ'האב פארטראכטן די קאפל פון פרץ, וואס איז געשלאפן אביסל איינגעבויגן, און מיט מיין בליק האב איך געגלעט זרח'ן וואס איז געשלאפן אזוי רוהיג, און מיטאמאל האבן זיך פון מיינע אויגן גענומען גיסן טרערן. איך האב אנגעהויבן וויינען אזאנס וואס איך האב נישט געוויין א לאנגע צייט.

דער גרויסער ווייטאג וואס איז געווען אין מיין הארץ אויף די צושטאנד פון זרח איז מיטאמאל ארויפגעקומען. איך האב גאנץ גוט געוואוסט אז נישט מיר עלטערן און די מחנכים זענען שולדיג, און אוודאי נישט זרח. מיר האבן דאך אלעס פרובירט, מיר זענען געגאנגען צו די בעסטע עקספערטן און אויסגעפאלגט יעדע גוטע עצה וואס מען האט אונז געגעבן. די מחנכים זענען אויך געווען פול מיט א גוטן ווילן, און האבן פרובירט טון אלעס וואס זיי האבן געקענט העלפן, און דאך האט זיך די לאגע פארערגערט פון טאג צו טאג. אין די צייט וואס פרץ איז געשטיגן און מצליח געווען אין זיינע לימודים, האט זרח נישט געזען קיין הצלחה אין דעם, אוןליידער פארלוירן אינגאנצן דעם חשק און טעם אין לערנען.

די שרעקליכע ווייטאג האב איך באלד אריינגעלייגט אין א ברענענדיגע תפלה, ווי געווענליך, אבער דאס מאל האב איך געפילט אז עס פעלט זיך אויס פון מיר מער השתדלות, איך האב מתפלל געווען צו השי"ת ער זאל מיר געבן די ריכטיגע באשלוס, און מיטאמאל האב איך מיך געהערט ווי איך הייב אויף די אויגן און זאג מיט געפיל:

'איך נעם זיך אונטער פון היינט און ווייטער צו זאגן יעדן טאג ברכות התורה מיט כוונה אין סידור, שטאט און מיט געדולד כמונה מעות, און באזונדער אינזין האבן ביי די ברכה 'והערב נא' איבערהויפט ביי די געבעט: 'ונהיה אנחנו וצאצאנו... כולנו יודעי שמך ולומדי תורתך לשמה...".

איך וועל מודה זיין אז די קבלה איז נישט געקומען סתם אזוי. צו מיין באדויער, ביז יעצט, זענען די ברכות געווען ביי מיר ווי א 'תפילת הדרך' אויפן וועג פון מיין היים ביז צום דערנעבנדיגן שול... יעצט וועל איך מוזן מאכן א ענדערונג אין דעם.

דאס זענען געווען די ווערטער וואס זענען ארויס פון מיין מויל אין יענע פינסטערע נאכט, און דאס זענען דער זאך וואס איך אנגעהויבן אויספירן שוין אויפצומארגנ'ס.

איך בין נישט קיין נביא אדער א חוזה, אבער ווי מענטשן זאגן: "מיט פאקטן איז אוממעגליך זיך צו דינגען" - מיט א וואונדערליכע סיעתא דשמיא איז פארגעקומען די טויש וואס מיר האבן שוין אזוי לאנג געווארט אויף דעם, און מיטן אויבערשטנ'ס הילף האף איך אז עס וועט זיך ציעהן לאורך ימים".

דער מחנך האט פארענדיגט זיין וואונדערליכן ערציילונג מיט א רעקאמענדאציע צו יעדן פאטער וואס טרעפט זיך אן אין שוועריקייטן אין זיין עבודת הקודש וואס איז אויף אים ארויף געלייגט געווארן: "זוכט נישט קיין קונצליכע לעזונגען, הקב"ה האט פאר אונז ערפינדן די בעסטע לעזונג, ער האט אריינגעגעבן א וואונדערליכן כח, די כח פון תפילה פון עלטערן אויף זייערע קינדער, און אפילו צוגעגעבן די כלים צו קענען אויספירן דעם כח, דורך זאגן ברכות התורה און די תפילה "והערב נא" מיט כוונה. פרובירט און מיט השי"ת'ס הילף וועט די קומענדיגע געשיכטע זיין ענקער'ס...".

# ברכו אמוני

א דערהויבענער בליק אויף די סדר הברכות

## מודים דרבנן

### די מקור פון די ברכה

ביי חזרת הש"ץ, ווען דער שליח ציבור בוקט זיך און זאגט 'מודים אנחנו לך', בוקט זיך דער ציבור און זאגט 'מודים דרבנן' (שו"ע או"ח קכז א, ע"פ ירושלמי ברכות א ה). אין גמרא (סוטה מ א) ווערט געברענגט פארשידענע נוסחאות אויף די ברכה, אבער אין אמת'ן זאגן מיר א נוסח וואס איז צוזאמגעשטעלט פון אלע נוסחאות, און אזוי ווי רב פפא האט געהייסן זיך פירן (שם). צוליב דעם ווערט אויך אנגערופן די תפילה מיטן נאמען 'מודים דרבנן', ווייל עס איז צוזאמגעשטעלט פון די נוסחאות פון עטליכע חכמים ('בית יוסף' או"ח שם). נאך א טעם איז דא אויף די נאמען, עס קומט לערנען אז אנדערשט פון די ברכות פון שמו"ע וואס זענען פארפאסט געווארן דורך די אנשי כנסת הגדולה, איז די תפילה פארפאסט געווארן דורך די חכמים ('עיון תפילה' בסידור 'אוצר התפילות').

אין ירושלמי (שם) ווערט געברענגט אז מען דארף אויסלאזן מיט א ברכה: "ברוך אתה ה' א-ל ההודאות", און אזוי האט זיך געפירט דער רא"ש (טור או"ח קכז), און אזוי פסק'נט אויך דער גר"א (ביאור הגר"א או"ח שם א). אבער פון דער לשון פון אונזער גמרא זעט אויס אז מען האט נישט מתקן געווען מען זאל אויסלאזן די ברכה, און אזוי פסק'נט דער רמב"ם (תפלה ט ד). למעשה האט דער 'בית יוסף' מכריע געווען (שם) מען זאל אויסלאזן מיט א ברכה אן דערמאנען דעם ה' - "ברוך א-ל ההודאות".

### די צוגאנג פון די תפילה

די ראשונים שרייבן, אלע ברכות איז דער ציבור יוצא זייער חוב דורך די הויכע שמו"ע וואס ווערט געזאגט דורכ'ן שליח ציבור, אנדערשט איז די ברכה 'מודים' וואס מען דארף עס אליין זאגן, ווייל עס איז נישט פאסיג אז דער קנעכט זאל שיקן א 'דאנק' פאר זיין האר דורך א שליח ווען ער שטייט אין זייט מיט א פארמאכטע מויל (פירוש התפילות והברכות לר"י ב"ר יקר ח"ב עמ' כו; 'אבודרהם' תפילת שמונה עשרה).

הגרי"ש אלישיב איז אמאל זייער קראנק געווען אויף די הארץ. זיינע שטוב-מענטשן האבן זיך מטריח געווען און האבן זיך געאיילט אראפברענגען א גרויסן פראפעסאר וואס האט מיט סיעתא דשמיא מצליח געווען אים ברענגען א רפואה. נאכן געזונט ווערן האט הגרי"ש געבעטן פון זיינע נאנטע זאלן אים אויסלערנען וויאזוי זאגט מען א 'גרויסן דאנק' אויף ענגליש, כדי ער זאל זיך קענען באדאנקן פארן דאקטער. אויף די וואונדער פון די מקורבים: "דער רב קען דאך זיך באדאנקן אויף זיין שפראך, און מיר וועלן אים עס איבערטייטשן?" האט געענטפערט הגרי"ש: "נישט אזוי ערקלערן די ראשונים די סיבה פארוואס דער שליח ציבור איז נישט מוציא דעם ציבור מיט די ברכה 'מודים', ווייל די חוב פון הודאה ליגט אויף יעדן אליין?! איך וויל אים אליין באדאנקן..." ('ריש"א דגלותא' ח"ג עמ' מ).

### די טייטש פון 'על שאנו מודים לך'

די מפרשים שרייבן אז די ווערטער וואס ענדיגן די הודאה: "על שאנו מודים לך" איז נישט קיין פארזעצונג צו די פריערדיגע זאץ "ולעבדך בלבב שלם", נאר עס באציהט זיך צו די אנהויב פון די תפילה, ווי מיר וואלטן געזאגט: "מודים אנחנו לך - על שאנו מודים לך". און די ראשונים קריגן זיך ארום אין די פשט פון דעם: רש"י (סוטה מ א ד"ה על) טייטש אז מיט דעם ווילן מיר ערקלערן אז מיר לויבן אויף דעם וואס מיר לויבן, ד.מ.: "מודים אנחנו לך" אויף די פאקט "שאנו מודים לך" - "אז דו האסט אריינגעגעבן אין אונזער הארץ זיין דבוק אין דיר און דיך צו לויבן". לויט דעם, ביי די ברכה אליין לויבן מיר אויף די אלע גוט'ס וואס השי"ת טוט מיט אונז, און ביי 'מודים דרבנן' לייגן מיר צו א לויב אויף דעם וואס ער האט אונז מזכה געווען אים צו לויבן. אבער הר"י מיגאש (שו"ת סי' צט) טייטש אז אויך 'מודים דרבנן' איז ווי א הודאה אליין, און אונזער כוונה ביים זאגן "על שאנו מודים לך" איז צו באטאנען אז דער נוסח איז א הוספה אויף די ברכה 'מודים', ד.מ.: "מודים אנחנו לך" ביי חזרת הש"ץ, אין צוגאב "על שאנו מודים לך" ביי די שטילע שמו"ע. ענליך צו דעם ברענגט תוספות (שם ד"ה על) אין נאמען פון 'ספר הערוך': "מודים אנחנו לך" ביי דער תפילה, אויסער וואס "שאנו מודים לך" מיט זיך אנשליסן מיטן שליח ציבור ביים ענטפערן אמן אויף זיין ברכה ('בית יוסף' או"ח קכז בפירוש ראשון).

אבער עס זענען דא וואס טייטשן אז די ווערטער "על שאנו מודים לך" איז א פארזעצונג און טוט פארענדיגן די בקשה פון פריער - "כן תחיינו ותקיימנו...". ד.מ.: מיר בעטן אז אונזער תפילה זאל אנגענומען ווערן און הקב"ה זאל אונז דערלעבן און אונז ארויסנעמען פון גלות, אין זכות וואס מיר לויבן אים און טון איינערקענען אין זיין גוט'ס ('בית יוסף' שם בפירוש שני).

### ענטפערן אמן פארן זאגן מודים דרבנן

דער 'משנה ברורה' (קכד כה) איז מעורר אז פארן זאגן 'מודים דרבנן' זאל מען אכטונג געבן ענטפערן אמן ווי עס דארף צו זיין אויף די ברכה 'המחזיר שכינתו לציון'. אויסער וואס מען דארף צולייגן קאפ אז די עול פון זאגן מודים זאל נישט צוברענגען מען זאל פארגעסן דעם חיוב פון ענטפערן אמן, דארף מען אויך אכטונג געבן נישט זאגן אינאיינעם: "אמן מודים", נאר מען דארף זיך אביסל אפשטעלן נאכן ענטפערן אמן, און נאר דעמאלטס אנהויבן זאגן 'מודים דרבנן'.

אין ספר 'דרך משה' (ליום יא) ווערט דערציילט אז א חסיד האט געפאסט כדי מען זאל אים אנטפלעקן מן השמים פארוואס די גלות איז נאך אזוי לאנג, און האט זוכה געווען אז מען האט אים געענטפערט פון הימל: "וויאזוי זאל קומען די גאולה אין די צייט וואס דער וועלט געבט נישט אכטונג ענטפערן אמן אויף די ברכות וואס מען בעט אין זיי אויף די גאולה - 'המחזיר שכינתו לציון' און 'הפורש סוכת שלום'...?!". ד.מ. ווייל מען איילט זיך זאגן 'מודים דרבנן' טון זיי איבערהיפן אויף די אמן נאך די ברכה 'המחזיר שכינתו לציון', און ווייל זיי יאגן זיך צו זאגן 'ושמרו' נאך די ברכה 'הפורש סוכת שלום...', האבן זיי אויסגעלאזט די אמן נאך דעם.

אין נאמען פון 'בית הלוי' ווערט געברענגט אז דאס איז מרומז אין לשון הפסוק (ישעיה סב א): "למען ציון לא אחשה ולמען ירושלים לא אשקוט"; הקב"ה וועט נישט פארשווייגן אויף דעם וואס דער וועלט געבט נישט אכטונג צו ענטפערן אמן נאך די ברכה 'המחזיר שכינתו לציון' און נאך 'הפורש סוכת שלום... ועל ירושלים', און ווענן דעם האלט זיך אפ די גאולה ('עולם עשיה' דף קה ע"ב).

# אוצר הברכות

מאה ברכות אין די פרשה

## עס וועט נישט פעלן זיין פלאץ אין עולם הבא

"וְלֹא נִפְקַד מִמֶּנּוּ אִישׁ" (לא מט)

אין מדרש (תנחומא צו ז) ווערט געברענגט: "אמר רבי יהודה בן גדיא: יעדער וואס ענטפערט אמן בעולם הזה איז זוכה ענטפערן אמן אין עולם הבא. אזוי ווי עס שטייט (תהילים מא יד): 'בָּרוּךְ ה' אֱלֹקֵי יִשְׂרָאֵל מֵהָעוֹלָם וְעַד הָעוֹלָם אָמֵן וְאָמֵן' - אמן בעולם הזה ואמן לעולם הבא".

א רמז אויף די ווערטער פון מדרש זאגט רבי שלמה זלמן עהרנרייך שאמלויער רב קען מען טרעפן אין דעם פאלגנדן פסוק: די ראשי תיבות "וְלֹא נִפְקַד מִמֶּנּוּ אִישׁ" איז "ואמן", פון דא לערנען מיר אז דער וואס איז מקפיד ענטפערן אמן אויף דער וועלט וועט זוכה זיין אז זיין פלאץ וועט נישט פעלן פון צו ענטפערן אמן אין עולם הבא, וואס אויף דעם איז די ווארט "וְאָמֵן" מרמז אין פסוק: "מֵהָעוֹלָם וְעַד הָעוֹלָם אָמֵן וְאָמֵן".

'אבן שלמה'

"וכאשר תקום מן הספר, תחפש באשר למדת אם יש בו דבר אשר תוכל לקיימו".

# מאוצרות אמונים

## ענטפערן ניינציג אמנים יעדן טאג

**די תקנה פון ענטפערן יעדן טאג צ' אמנים ווערט דערמאנט אין די ראשונים און אין פוסקים (ראה 'מגן אברהם' ו ט; 'משנה ברורה' שם יג) אלס א הנהגה וואס איז ראוי פאר יעדן איד דאס אנהאלטן און מקפיד זיין אויף דעם טאג טעגליך. אין דעם קאפיטל וועלן מיר צוברענגען מקורות און ווערטער אין דעם ענין.**

### 'צדקה' זו תפילה

אין 'תיקוני זוהר' (מ א) ווערט געברענגט: "אין צדקה אלא תפילה". און די חכמי הזוהר ערקלערן אז אין די ווארט 'צדקה' איז מרומז די פיר חלקים פון דאווענען: צ' אמנים - ענטפערן ניינציג אמנים יעדן טאג. ד' קדושות - ביי 'יוצר אור', שמו"ע שחרית און מנחה, און ביי 'ובא לציון'. ק' ברכות - זאגן יעדן טאג מאה ברכות. ה' חומשי תורה - קריאת התורה אזוי ווי די חכמים האבן מתקן געווען וואס דאס איז א חלק פון דאווענען ('מעלות הסולם' שם לג א).

האדמו"ר רבי צבי הירש ממונקאטש האט ערקלערט אז נישט אומזינסט האבן די חכמי הזוהר אריינגערעכנט דאס ענטפערן ניינציג אמנים און אנדערע דברים שבקדושה אין די ווארט 'צדקה', נאר כדי אונז צו לערנען אז א מענטש זאל נישט מקיים זיין די זאכן כדי צו באקומען אויף זיי שכר, נאר ווי א 'צדקה', ד.מ. טון נחת רוח פארן באשעפער ('באר לחי רואי' על תקו"ז לג א).

### דער וואס איז מקפיד אויף 'צדי"ק' ווערט אנגערופן 'צדיק'

הרמ"ע מפאנו (שו"ת, סי' קט) ברענגט א אנדערער גירסא אין 'תיקוני זוהר' אז די פארשידענע חלקים פון תפילה און זייער קוואנטום, זענען נישט מרומז אין די ווארט 'צדקה', נאר אין די ווארט 'צדיק' - צ' אמנים, ד' קדושות, י' קדישים, ק' ברכות. אזוי שרייבט אויך דער 'חרדים' (פרק סו אות קעז): "ער זאל יעדן טאג מקיים זיין די צאל צדי"ק אזוי ווי עס ווערט געברענגט אין תיקונים: צ' - תשעים אמנים, ד' - ארבע קדושות, י' - עשרה קדישים, ק' - מאה ברכות". און אזוי שרייבט מהר"ם פאפירש ('אור הישר' עמוד העבודה ו כב): "א מענטש ווערט נישט אנגערופן צדי"ק, ביז ער פארענדיגט צ' אמנים, ד' קדושות, י' קדישים און ק' ברכות".

### 'צדק' זו תפילה

רבי ישראל אלנקווה ברענגט אין זיין ספר 'מנורת המאור' (פרק ב - תפילה) אין נאמען פון מדרש תהילים אז די ציפערן פון די דברים שבקדושה זענען מרומז אין די ווארט 'צדק', אזוי ווי עס שטייט (תהלים יז א): "תפלה לדוד שמעה ה' צדק הקשיבה רנתי האזינה תפלתי...", און די חכמים דרש'ענען: "'צדק' זו תפילה, און דער סימן אויף דעם: צ' - ניינציג אמנים וואס דער מענטש ענטפערט יעדן טאג, ד' - פיר קדושות, ק' - הונדערט ברכות". [ראה ברכות יד א וברש"י שם ד"ה צדק שתפילה נקראת 'צדק', לפי שבתפילתו מצדיק האדם את בוראו.]

# אגרות אמונים

## א בריוו פון א געטרייער ליינער

**צו דער גרינדער פון בני אמונים הרב יעקב דוב מארמארשטיין שליט"א**

אין די ראם פון ענקער נייע אונטערנעמונג 'דרך אמונה' האב איך אנגעהויבן ענטפערן יעדן אינדערפרי פאר די מתפללים אין מיין מנין וואו איך בין זוכה דאווענען יעדן טאג. מען קען נישט שילדערן די התעלות פון מיר און פון אלע מתפללים אין מיין מנין צוליב דעם.

איך האב טאקע נישט געוואונען די הגרלה, אבער איך האב זוכה געווען צו א אמת'ע זאך, דאס איז: תפילה מיט אמונה און התרוממות הנפש וואס איז משפיע און דערהייבט דעם גאנצן טאג.

היינט קען מען זאגן אז 'בני אמונים' איז נישט נאר א 'באגריף', נאר א 'מאדע', ענקערע אקטיוויטעטן האט געמאכט א געוואלדיגן רעוואלוציע אין אלע מוסדות און אין אלע קהילות, און איך זע פאר מיר א זכות אנטייל נעמען אין דעם.

אשריכם מרוממי נשמות!!

מיט שעצונג און א וואונטש

ח.נ.ז

רכסים

---

מען קען שיקן בריוון צו די פאקס:
08-9746102
אדער צו די אימעיל אדרעס
9139191@gmail.com

# צדיק באמונתו

## אמן און ברכות אין די ווערק פונעם בעל הילולא

### הרמ"ע מפאנו

### ד' אב ש"פ



די ארייננגאנג צו די אידישע בית החיים אין מאנטאבא

רבי מנחם עזריה מפאנו איז געבוירן אין יאר ש"ח צו זיין פאטער רבי יצחק ברכיה. ווען עס איז אנגעקומען די צייט האט ער חתונה געהאט מיט די טאכטער פון רבי יצחק פואה פון מאנטאבא פון די גדולי הרבנים אין איטאליע. נאכגייענדיג די פוס טריט פון זיין שווער האט ער זיך באזעצט אין שטאט מאנטאבא, אויפגעשטעלט דארטן א גרויסע ישיבה, וואו צו דעם האבן געשטראמט אסאך תלמידים צו לערנען תורה פון אים.

אין יענע צייט האט אויפגעשיינט די לימוד פון תורת הקבלה. די קוועלער פון די חכמת האמת וואס האבן געקוועלט אין שטאט צפת פון די באקאנטע גרויסע גענעראלן אין תורת הקבלה דער רמ"ק און דער אר"י הקדוש האבן זיך אנגעהויבן צו צושפרייטן אויף דער וועלט, און הרמ"ע האט זיך אינגאנצן מדבק געווען אין די חכמה און עס פארשפרייט אין גאנץ איטאליע. די וועג פון הרמ"ק האט ער געלערנט פון זיין רבי'ן רבי עזרא מפאנו, און די וועג פון אר"י הק' האט ער געלערנט פון רבי ישראל סרוק וואס איז אנגעקומען קיין מאנטאבא הארט נאך די פטירה פון אר"י הקדוש.

הרמ"ע האט מחבר געווען ארום דרייסיג ספרים אין הלכה און אין קבלה, צען פון זיי זענען צוזאמגעשטעלט אין זיין ספר 'עשרה מאמרות'. זיינע פסקים און הנהגות ווערן געברענגט דורך די גדולי הפוסקים אין די דורות נאך אים. הרמ"ע איז נסתלק געווארן אין מאנטאבא ד' אב ש"פ און איז באערדיגט געווארן אין דעם אידישן בית החיים אין שטאט.

### 'אין לך רעים אהובים יותר מאלה'

אין איינס פון זיינע תשובות רעדט הרמ"ע וויאזוי מען קען צוקומען צו די צאל פון ניינציג אמנים יעדן טאג, און טוט פארשלאגן מען זאל דאס ערדייכן דורך ענטפערן אמן יעדן אינדערפרי נאכן הערן ברכות השחר פון עטליכע מענטשן, און אזוי פירט ער אויס זיינע ווערטער אין דער ענין:

"ווי גוט איז איינצופירן אז דער שליח ציבור זאל זאגן די ברכות השחר בקול רם, און די וואס ענטפערן אמן זאלן אינזין האבן נישט יוצא זיין. און נישט נאר דאס, נאר אויך די וואס נעכטיגן אין איין צימער... זאלן אויפשטיין און יעדער זאל זאגן אליין די ברכות, און די אנדערע זאלן ענטפערן אמן, און נאכדעם גיין אין שול אריין.

און דער וואס זאגט אליין די ברכות, און נאכדעם זיין ווייב און זיינע קינדער גרויס און קליין זאגן אויך אויף דעם אופן, אין לך רעים אהובים יותר מאלה. און דאס זעלבע די וואס זאגן די ברכות אין שול איינער נאכן צווייטן, צו מזכה זיין די רבים זאלן ענטפערן אמן..." (שו"ת הרמ"ע מפאנו סי' קט).

### כל המרבה משובח

הרמ"ע מפאנו שרייבט אז די פוסקים האבן נישט אויסגערעכנט די צאל פון 'מאה ברכות' וואס דער מברך זאגט יעדן טאג "אלא לקלי עולם" זיי זאלן נישט פארוויניגערן פון דעם, אבער די ערליכע פארמערן צו זאגן יעדן טאג מער פון מאה ברכות (שם סי' לט).